STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02309

FORT A YID KEYN ERTS ISROEL

Dov Ber Birshteyn

Permanent preservation of this book was made possible
by David Sandweiss
in memory of Morris Greenwald,
may we uphold your love of our people and Israel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבי דוב בער בירשטיין

פאָרט אַ איד קיין ארץ ישראל

איינדרוקן פון מיין דריי-וואָכיקער נסיעה איבער מדינת ישראל

די רייזע קיין ארץ ישראל איז געגעבן געוואָרן פון אונזער שוהל צו אונזער חשוב'ן רב נד"ב בירשטיין און זיין רביצען שיחי' פאַר זיין 25־יעריגער איבערגעגעבענער און געטרייער אַרבעט לגבי אונזער שוהל און לטובת אידישע אינטערעסן.

זיינע איינדרוקן פון זיין באַזוך אין „מדינת ישראל" ווערן איבערגעגעבן אין אָט־דער בראָשור, און איז געשיקט צו אייך, אַלס אַ פריינט פון אונזער שול און פון אונזער ווירדיגן רב נד"ב בירשטיין — אַ מתנה.

יעקב צוקער, פרעז. ביהכ"נ עזרת ישראל, נ. י.

אָט־דער באַריכט פון אונזער רב איז געווען געדרוקט אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט".

רבי דוב בער בירשטיין

„פאַרט אַ איד קיין ארץ ישראל״

(איינדרוקן פון מיין דריי־וואָכיקער נסיעה איבער מדינת ישראל)

אינו דומה שמיעה לראיה

אינו דומה שמיעה לראיה. מען קען ניט פאַרגלייכן הערן צו זען. אוודאי קענט איר ניט פאַרגלייכן דאָס וואָס איר זעט אַליין צו דעם וואָס יענער האָט געזען פאַר אייך. דער אמת איז, אַז אינו דומה ראיה לראיה, ס'איז אַ גרויסער אונטערשייד פון איינעמס זען ביז אַ צווייטנס. ניט אַלע זיינען מסוגל צו זען די „ווירקלעכקייט". און — זען מיט די אויגן אַליין איז ניט גענוג. כדי צו זען אַן ערנסטע דערשיינונג, מוזט איר צו די אויגן מצרף זיין דעם פאַרשטאַנד פון קאָפּ און דעם רגש הלב. וואָס איר זעט אָן דער הילף פון מוח און פון האַרץ איז ניט אַלע מאָל די אמתע ראיה.

געזונט און שטאַרק זאָלן זיין אונזערע אַמעריקאַנער אַחינו בני ישראל. קיינער חלילה קען ניט זאָגן, בדרך כלל, אַז אונזערע אַמע־ריקאַנער אידן האָבן ניט אַ גאַר גרויסן חלק אין מדינת ישראל. גרויס איז געווען און איז זייער באַשטייערונג אויף יעדן געביט. אָבער ווען אונזערע וואוילע אידן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן עולה רגל זיין קיין מדינת־ישראל אַזוי פרי ווי עס איז נאָר פּראָקלאַמירט געוואָרן די אידישע מדינה, ברענגען מיט זיך די טוריסטן צוריק אַהיים ניט קיין אָנ־גענעמע באַריכטן, באַריכטן וואָס טוען אָן אַ סך שאָדן, כמעט ווי די מרגלים אין משה רבינוס צייטן. און עס וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט, אַז דער ברייטער עולם זאָל געבעטן ווערן אָפּצולעגן זייערע באַזוכן אויף אַ ווײַלע ביז דאָס לאַנד וועט זיך אַ ביסל מער איינאָרדע־נען, אַז מען זאָל קאָנען וויזן דאָס לאַנד אַפילו צו די אַלרייטניקעס, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געווען סימפּאַטיש צו ארץ ישראל.

טאָמער ווילט איר וויסן, ווער עס זיינען אַ סך פון די באַזוכער אין ארץ ישראל, וועל איך אייך פאָרשטעלן פאַר איינעם פון זיי, וועל־כער איז געפאָרן מיט אונז אויף דער שיף „ק. ע." ער שטעלט זיך פאַר אונז פאַר אַלס אַ וויכטיקער געשעפטסמאַן פון ניו־יאָרק... ער זאָגט, ער איז גאָר ניט קיין רעליגיעזער מענטש, און קיין ציוניסט אויך ניט,— איז ער מוסיף מיט שטאָלץ. „נאָר איר ווייסט, געלט איז דאָ, צייט אויך, לאָמיר זיך אַריבערכאַפּן און זען אַ אידישע מלוכה", און איר פילט אין זיין טאָן אַזוי פיל ביטול, אַז איר ווילט זיך גלייך פון אים אָפּ־טרייסלען. אָבער ער לאָזט אייך ניט אָפּ:

„זאָגט מיר, ווער דענקט איר, האָט געוואונען די מלחמה אין ארץ־ישראל?"

ער זעט אַז איר קוקט אויף אים ווי אויף... און ער פאַרכאַפּט אייך גלייך דעם וועג:

„אידן מאַכן געוואַלדן, באַרימען זיך מיט די אידישע העלדן, קעמפער, שמעמפער, וואָס רעדט איר נאַרישקייטן?! איך זאָג אייך, אַז ווען טרומאַן אַנערקענט ניט ישראל, וואָלטן אייך ניט געהאָלפן אַלע טעראָריסטן, שמיסטן, אירגוניסטן און איך וויס וואָס נאָך זיי האָבן זיך דאָרטן איינגערעדט. טרומאַן, זאָג איך אייך, ער האָט געוואונען די מלחמה אין ארץ־ישראל!"

עס איז געווען אונזער „גוטער" שיקזאַל זיך צו טרעפן מיט אים אויף צוריק אויך.

— אַך, וואָס פאַר אַ סאָרט עקאָנאָמיסטן זיי האָבן דאָרטן —

דער גאַנצער סיסטעם, די גאַנצע סטרוקטור איז שלעכט. זעט בעסער די פּאַרפיומען וואָס איך האָב איינגעקויפט אין פּאַריז און — אַזוי ביליק...

איר דערמאָנט זיך אַז ערגעץ אין שלום עליכמס ווערק איז דאָ אַ טיפּ, וועמען ער שטעלט פאַר אויף אַזאַ שטייגער — ער האָט גאָר־ניט געלעזן און ווייסט אַלעס... האָט גאָרניט געלערנט און קען אַלעס...

תינוק שאך נולד

אַ סך פון אונזערע אידן פאַרגעסן אַז מדינת ישראל איז נאָך אַלעמען, ניט מער ווי אַ תינוק שאך נולד. עס איז פּשוט אַן אומרעכט צו דערוואַרטן פון אַ קינד וואָס עס ווערט נאָר־וואָס געבוירן, אַז עס זאָל קענען אַליין שטיין אויף די פיסלעך און ווערן כהרף עין זעלבשטענדיק. ווען אַמעריקאַנער קומען אין דעם ניי געבוירן לאַנד און האָפן צו געפינען האָטעל־צימערן אין פאַרגלייך מיט אַ וואַלדאָרף־אַסטאָריע, אָדער אַסטאָר, באַגייען זיי אַן עוולה קעגן דעם תינוק שאך נולד. דאָס זעלבע מיטן עסן. דאָס לאַנד איז דאָך נאָך פּאַקטיש אין קריג און איז פאַרשפּאַרט פון אַלע זייטן.

האָט איר אַמאָל בייגעוואוינט אַט־די סצענע? טאַטע־מאַמע זיי־נען באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ קינד, קומען קרובים און סתם גוטע פריינט באַזוכן טאַטע־מאַמע און זיי ווינטשן מזל־טוב. דאָס ניי־גע־בוירענע קינד ווערט דאָ דער טשעמפּיאָן, און מען ציינט עס צו די באַזוכער וועלכע האָבן גרייט אויסגעדראָשענע קאָמפּלימענטן, און טאַטע־מאַמע קוועלן אַן פון די שיינע באַמערקונגען וועגן זייער תינוק שנולד. אָבער מיט אַמאָל פּאַסירט עפּעס — האַלטנדיק דאָס פּיצל קינד וואָס קען נעבעך ניט זאָגן אַז... און די ליבע טאַנטע וואָס האָט זיך אַ מינוט צוריק אַזוי געפרייט און גערימט דאָס שיין און ליב מלאכל, האָט מיטאַמאָל פאַרקרימט איר פּנים און מיט אַ פּנים פון צער און חרטה רוקט זי דאָס מלאכל אַוועק פון זיך. די אמתע און האַרציקע מאַמע פאַרשטייט וואָס דאָ איז געשען און נעמט צוריק איר טייער ליב קינד. פאַר איר, פאַר דער מאַמען, איז עס ניט קיין אַנטוישונג. אַזוי דאַרף אַ קינד זיך האָדעווען, און מיט ליבע בייט זי איבער די נאַסע און אומריינע וויקעלעך, אַן שום פאַריבל אויף איר ליבעס ווענז.

אַ סך פון אונזערע אידן, זאָלן זיי געזונט און שטאַרק זיין, האָבן געהערט אַז די אַלטע מאַמע מיט וועמען זיי זיינען געווען אָפּגע־פרעמדט האָט אויף די עלטערע יאָרן געבוירן אַ וואונדער־קינד. האָבן זיי זיך דערמאָנט אין זייער נאָענטער פאַרוואַנדשאַפט צו דער מאַמען און צום וואונדער־קינד, און זיי זיינען געקומען מיט קענדי און קלייד־לעך באַזוכן דאָס פּיצל קינד און גראַטולירן טאַטע־מאַמע. איז דאָך שוין גוט וואָס איר זענט באַגליקט געוואָרן מיט אַזוי פיל קרובים — אָבער אַט פּאַסירט דאָס אויבנדערמאָנטע — ס'איז ניט מער ווי אַ תינוק — ס'וועט נעמען צייט ביז עס וועט אויסוואַקסן.

— אַזוי לאַנג וואַרטן? — טאַקע זייער אינטערעסאַנט, אָבער...
און אַזוי ווערן זיי נעלם, די ווייטע, רייכע קרובים, און קערן זיך אום צוריק צו זייערע אַלטע אומגעבונגען, וואו זיי האָבן געלעבט און זיינען אויסגעקומען אַלע יאָרן — אין אַמעריקע...

כמעט די זעלביקע לאַגע איז אין באַצוג צו דאָס איצט געבוירן קינד „מדינת ישראל", און אַ סך פון אירע נייע פריינט... די צייט איז נאָך ניט געקומען ווען די אַלטע גוואַרדיע, די צוויי טויזנט־יאָריקע אַלטע פריינט וואָס האָבן געטרוימט און געהאָפט אַז דאָס קינד וועט אַמאָל געבוירן ווערן און די איצטיקע מאַמעס וואָס זיינען דורכגע־

גאַנגען אַזוינע שטאַרקע חבלי־לידה, זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף די אַזוי־גערופענע טעכנאָלאָגישע פריינט. די מאַמע וואָס האָט געבוירן דאָס וואונדער־קינד וועט עס אויפהאָדעווען מיט אָדער אָן זייטיקע הילף... עס וועט זיין שווערער, ווייל אַ וואונדער־קינד דאַרף האָבן וואונדער־כוחות און אויסערגעוויינלעכע מיטלען, אָבער עס וועט זיין... ווייל די מאַמע איז אַ שטאַרקע, אַ קרעפטיקע, און איז גרייט צו ציַיגן דער וועלט אַז אַ וואונדער־קינד ווערט געבוירן ביי אַ וואונדער־מאַמע.

דער ערשטער איינדרוק

גלייך ביים ערשטן אַריינפאָר קיין ישראל ווערט איר עפּעס אַרומגעכאַפּט מיט אַ מאָדנעם געפיל, אַ מין התרוממות. עפּעס זענט איר בכח צו קוקן קדושה גלייך אין פּנים אַריין. עפּעס אַ חבה יתירה צו דער ערד אויף וועלכער איר שטייט. אַט קוקט איר זיך אַרום אין אַלע זייטן און ווילט באַגריסן, שלום עליכם געבן דעם צוויי טויזנט־יאָריקן אַלטן אידן. אין געשיכטע איז ער דאָך אַזוי צעקנייטשט און איינגעבויגן, אַזוי פאַרוואונדעט און באַשפּיגן, אָבער ניין! ניט אַלט, ניט צעבראָכן, ניט פאַרוואונדעט און ניט דערנידעריקט שטייט פאַר אייך ישראל. יונג, קרעפטיק, אָן מורא פאַר די שונאים אַרום. ער האָט זיי שוין געוויזן אַז ישראל האָט כוח אויך... איר מאַכט צו די אויגן, ווייל איר גלויבט ניט אין דעם וואָס איר זעט, און איר כאַפּט זיך אויף, ווייל אייערע אויערן כאַפּן אויף די זיסע שפּראַך וואָס איר האָט אין חדר געלערנט. לשון קודש, היינט אַ לעבעדיקע, אַ לוסטיקע שפּראַך, אַ שפּראַך וואָס איר האָט מיט איר זיך שטענדיק באַנוצט אויף בכיות און יללות, און תפילות, איז היינט אין טעגלעכן געברויך. מען קען דאָך לאַכן אין לשון קודש... וואו איר גייט און וואו איר שטייט, קינדער, פּיצלעך, אַלטע און גרויסע — אַלע, אַלע רײדן העברעאיש. נאָך גרעסער ווערט אייער אָפּשאַצונג וועגן דער רייכקייט און דער שיינקייט פון אונזער אַלטער שפּראַך ווען איר באַזוכט די סקולס, די לער־אַנשטאַלטן, איר דאַרפט הערן אַ לעקציע אין אַ קאָמערציעלער מיטל־שול, ווי אַ לערער גיט אויף אַ פּראָבלעם צו זיין קלאַס וואָס האָט צו טאָן מיט אינוועסטירונגען, מיט פּראָצענטן, מיט „פאָרעין טרייד" און הויכע מאַטעמאַטיקס. אַלץ לעבט און רעדט זיך מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט אין העברעאיש.

עס ווילט זיך קיין סך ניט רײדן וועגן דער רעליגיעזער זייט פון ארץ־ישראל, אַן ענין וואָס קען ניט אַרומגערעדט ווערן אין אייניקע שורות אָדער אַפילו אין אייניקע אַרטיקלען, אָבער דאָס מוז געזאָגט ווערן, אַז דער שבת, דער יום־טוב האָט מער ווי אַ רעליגיעזן אינהאַלט אין ישראל. דאָס זיינען טעג וואָס איר פילט מיט אייער נשמה, מיט אייער גאַנצן וועזן, ס'איז ניט סתם אַ טאָג באַצייכנט אויפן קאַלענדאַר. דער שבת, דער יום־טוב האָט ניט נאָר סתם אַ היסטאָרישע באַדייטונג, ס'איז עפּעס מער, ס'לאָזט זיך ניט מאָלן, דאָס מוז מען בייוואוינען כדי צו פילן די אידישע נשמה וואָס האָט געפונען איר תיקון.

אויפן וועג צום כנסת

איר גייט צו אַ זיצונג פון דעם כנסת, און ווי געשמאַק ס'איז צו הערן ווי אידן זיינען זיך מתוכח וועגן ישראלס פּראָבלעמען. אַוודאי איז דאָ התנגדות, אָבער ס'איז ניט דאָס וואָס איר האָט געזען אין אַ היימיש חסידיש שטיבל, אויך ניט די פון די אַמעריקאַנער סאָסייעטיס. איר זעט פאַר זיך שטאַטסמאַנשאַפט, דיפּלאָמאַטיע. יע, יע, דיפּלאָמאַטיע.

דאָס האָט נאָר געקענט באַווייזן אַ אידישע מלוכה. איר קוקט אומע־טום, און איר ווערט נתפעל. עפּעס גלויבט איר יע, גלייבט איר ניט וואָס איר זעט. אויף אַלע געביטן — משרדים, געזעצן, אָרדענונג. צי איר שטימט איין, צי ניט, אָבער עס איז דאָ וואָס מען מעג, וואָס מען טאָר ניט. אַ רעגירונגס עין־צופיה, און אַ רעגירונגס אוזן־שומעת. איר פרעגט און שטוינט: הזאת־נעמי? זיינען דאָס די באַליידיקטע, די אומפּעאיקע, די געז־אויוון געברענטע אידן? און איר פרעגט זיך: ווי לאַנג עקזיסטירט דאָס שוין? ווען האָט מען דאָס אַלץ איינגעאָרדנט? ווען עס גיין? און איר דערמאָנט זיך אין יענעם קליינשטעטלדיקן קרעמער וואָס איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָט און האָט דאָרטן דערזען אַ ריזיק־גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָר, און ער שטייט און וואונדערט זיך און צאַצקעט מיט די ליפּן פון התפעלות. און אַז דער גרויס־שטאָטישער קרעמער פון דעם גרויס געשעפט קומט אַרויס אין גאַס צו זען ווער איז דאָס וואָס באַוואונדערט אַזוי זיין געשעפט. און באַלד געפינט דער קרעמער אויס אַז ניט דאָס געשעפט באַוואונ־דערט ער, נאָר די כוחות וואָס ער האָט אַריבערצוטראָגן פון אַזוי פיל לייעניש און באַרגעניש.

— איך ווייס וואָס פאַר אַ צרות איך האָב מיט מיין קליין קרע־מעלע, היינט וויפיל מער צרות און זאָרג האָט איר מיט אַזאַ ריזיק געשעפט.

דאָ זעט איר פונקט דעם היפּוך: די גרויסע וועלט־קרעמער, די גרויסע רעגירונגען, די וועלט־מאַכטן אַנערקענען און באַוואונדערן ישראלס פעאיקייטן.

די שאַנכאַיער אידן

פאַר אונזער צייט זיינען זיי געקומען די שאַנכאַיער אידן. אַלע עולים וואָס קומען קיין ישראל האָבן אַ סך, אַ סך צו דערציילן. איר הערט זייערע איבערלעבונגען און שטוינט. איר קוקט זיי אָן און פרעגט: ווי אַזוי זענט איר אונטער אַזוי פיל יסורים קשים געבליבן? ווי אַזוי האָט איר עס אויסגעהאַלטן?

די עולים פון שאַנכאַי האָבן גאָר עפּעס אַנדערש צו דערציילן. זיי זיינען זיך מודה אַז זיי האָבן זיך באַטראַכט פאַר אמתע תושבים אין שאַנכאַי, און אַז מען האָט זיי געוואָלט פאַראינטערעסירן אין זייערע ליידנדיקע ברידער אין די אייראָפּעאישע לענדער ווען מען וויל אַרויסראַטעווען קיין ישראל האָבן זיי ניט געקענט געפינען די פעדים מיט וועלכע זיי זיינען צו יענע ליידנדיקע צוגעבונדן און האָבן דער־פאַר זיך אויסגעלאַכט פון ארץ־ישראל אַלס מקום מקלט, און אַוודאי ניט קיין מקום מנוחה. אָבער דאָ אומדערוואַרטעט האָט זיך איבערגעחזרט אָן אַלט אידיש קאַפּיטל. די קריג אין כינע מיט די קאָמוניסטן האָט פאַרוויסט זייער גאַנץ האָב און גוטס, די ערד אונטער זיי איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ צעיושעטן וואולקאַן, און מען האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין די אַמעריקאַנער לאַדנס, מען זאָל זיי אַרויסראַטעווען פונם גהינום. זיי ווילן לויפן אין דעם לאַנד אין וועלכן זיי האָבן ניט גע־גלויבט. און אייך איז באַקאַנט די שוועריקייטן מיט וועלכע זייער רעטונג איז געווען פאַרבונדן. און מיר האָבן זיי געזען... ענדלעך... אין דער היים...

אין רחובות

דאָס ערשטע וואָס מען פרעגט אייך אין תל־אָביב: זענט איר שוין געווען אין רחובות?

וואָס איז אין רחובות דאָ אַזוינס, וואָס איר טאָרט ניט פאַרפעלן צו זען?

דער פּרעזידענט דר. ווייצמאַן וואוינט אין רחובות. אַ קורצע שטרעקע פון זיין הויז איז דער אימפּאָזאַנטער ווייצמאַן־אינסטיטוט, און אַפילו ייקבי ראשון לציון דערביי איז אויך ווערט אַ באַזוך. ס׳איז ניט דאָס וואָס איר וועט זיין אין אַ גרויסן וויין־קעלער. ס׳איז אַ סך מער ווי דאָס. ווען דער באַראָן ראָטשילד האָט דאָס וויין־קעלער איינגעאָרדנט, האָט ער דאָרטן באַזעצט פיל אידישע פאַמיליעס. איבער דער פּרנסה וואָס זיי האָבן געצויגן פון מאַכן און פון פאַרקויפן דעם וויין האָבן זיי זיך איינגעפונדעוועט אין ארץ־ישראל, און על כל צרה שלא תבוא, ניט אַכטנדיק וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין זיינען זיי געבליבן צוגעשמידט צו זייער באָדן. דאָס וואָס איר זעט אַן אינדוסטריע וואָס פאַרגלייכט זיך מיט גרויסע וויין־קעלערן פון אַנדערע גרויסע לענדער גיט אייך גרויס פאַרגעניגן. די אַרבעטער: שומרי שבת, קיין חמץ דערביי, כדי עס זאָל זיין כשר לפסח אַפילו למהדרין. וואָס פאַר אַ טעם ס׳האָט אַ גלעזל וויין אין ראשון לציון קעלערן איז אין לשער.

אין ווייצמאַן אינסטיטוט

די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען וואָס ווערן געמאַכט אין דעם ווייצמאַן אינסטיטוט קענען ניט באַשריבן ווערן פון אַ פּשוטן בשר ודם, און, דעריבער, באַמיט זיך טאַקע דער יונגערמאַן וואָס פירט אייך אַרום און קלערט אייך אויף דאָס וואָס אַלע קענען פאַרשטיין, אַז דער ווייצמאַן־אינסטיטוט האָט שוין געשאַפן אַ מיטל ווי אַזוי אַרויסצונעמען די זאַלץ פון ים־וואַסער, און, אַזוי אַרום, וועט זיין גענוג וואַסער צו טרינקען און צו באַוואַסערן די פעלדער. דערווייל איז עס נאָך אין אַ קליינער און קאָסטבאַרער שטופע, אָבער עס וועט שוין לאַנג ניט נעמען.

מען ווייזט אייך דאָרטן אויך פאַרשיידענע וויכע טעקסטיל און קאַרפּעט מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געמאַכט פון פּלאַסטיק, איר גלויבט ניט אייערע אייגענע אויגן, איר טאַפּט עס ווייטער און ווידער און איר ווערט אַנטציקט פונם וואונדער. מען ווייזט אייך נאָך און נאָך, און צו אייער אַנטציקונג איז ניטאָ קיין ברעג. איר ווילט וויסן, צי אונזער פּרעזידענט קומט אַמאָל אַריין אין אינסטיטוט, זען וואָס עס ווערט געטאָן דאָרטן, און איר ווערט פאַרזיכערט, אַז ער קומט יעדן טאָג אויף אַ שטונדע אָדער צוויי און אַרבעט אַליין אויף כלערליי פאָרשונגען.

ווען איר ווערט פאַרטיק, און איר גייט אַרויס מיט שטאָלץ אויף די אידישע וויסנשאַפטלעכע ביישטייערונגען צו אונזער פאָלק און צו דער מענטשהייט, ווייזט מען אייך מיטן פינגער אָן, פון דער ווייטנס, אַ ווייס הויז, וואָס שטייט אויף אַ באַרג. דאָרטן וואוינט דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, דר. חיים ווייצמאַן, ירום הודו.

גבעת ברענער און ענגלישע דעמאָקראַטיע...

ווער האָט עס ניט געהערט פון גבעת ברענער — אַ קיבוץ וואָס האָט זיך זייער באַרימט געמאַכט אין ארץ ישראל מיט זיין מוסטער־האַפטן סאָציאַלן לעבן און שאַפן? איז טאַקע כדאַי צו זען... אָבער אומגליקלעכערווייז, אַנשטאָט צו באַגרייפן ווי עס לעבן זיך פאַמיליעס אַלע צוזאַמען, אַן וועלכע עס איז פערזענלעכע אינטערעסן, און זיינען גליקלעך מיט זייער לעבן אין ארץ ישראל, ווערט איר אוועקגעריסן צו די קאַמף־פלעצער מיט די אַראַבער און ענגלענדער. מיר, אין

אַמעריקע, אָדער אַנדערע לענדער אין גלות, האָבן קיין באַגריף ניט פון דער ברוטאַליטעט און מערדערלעכן אַנגריף וואָס דער אידישער ישוב האָט געהאַט אויסצושטיין פון די ענגלענדער. איר הערט און איר זעט ערשט דאָ אין לאַנד וואָס פאַר אַ פינצטערן קאַמף די ענגלענדער האָבן געפירט קעגן אונזערע ברידער אין ארץ ישראל. און איר שטעלט זיך די פראַגע: זיי האָט עס די וועלט אַנגערופן אַ דעמאָקראַטיש לאַנד? זיי האָבן געהאַט די חוצפה צו טייטלען מיטן פינגער אַז היטלער איז געווען אַ בלוט־הונט, אַ בעסטיע? ווי עס ווייזט אויס האָט אויך ענג־לאַנד געלערנט דעם פשט, אַז די מערדערייען וואָס עס ווערן באַגאַנגען לגבי די אידן ווערן ניט פאַררעכנט פאַר קיין אומרעכט. אידיש בלוט איז ניט רויט, על הארץ תשפכנו כמים.

סימנים פון די שלאַכטן

ווען איר הערט פון קבוצים און מושבים האָט איר וועגן זיי אַלע צו ריידן און צו דערציילן נאָר מיט באַגייסטערונג. אָבער דאָ און דאָרט ווערט פלוצלונג אייער אָטעם פאַרכאַפּט פון די סימנים פון די שלאַכטן וואָס עס זיינען דאָ אַנגעגאַנגען, און ווי אַזוי זיי, די העלדן אונזערע, זיינען ניט נאָר לעבן געבליבן נאָר אויך די זיגער אַרויס.

אין קיבוץ נגבה זיינען געווען 180 מענער און פרויען וואָס האָבן באַקעמפט טויזנטער אַראַבער, זיי זיינען געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט מאָדערנע תכסיסי מלחמה, ווי טאַנקען, הארמאַטן אאַז״וו. אין דער ערשטער שלאַכט האָבן זיי גלייך געליטן אַ פאַרלוסט פון 60 פאַרוואונדעטע, און ווי אַזוי די געבליבענע האָבן געקענט אי־בערלעבן אַזוי פיל מערדערלעכע אַטאַקעס ווייסט איר ניט, קיינער ווייסט עס ניט. ניסים. ניט גלויביקע זיינען שוין אויך מודה אין ניסים.

די העלדן דערציילן אייך אַז זיי האָבן געהאַט די זכיה צו האָבן דאָרטן אויף אַ באַזוך מר. מאָרגענטוי, וועלכער האָט באַוואונדערט זייער העלדישקייט און באַדויערט זייער חורבן. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו שיקן גלייך ספּעציעלע הילף, זיי פאַרדינען עס, באַווייזן זיי, וויל, פאַרשטייט איר, נגבה איז די טיר, דער שליסל צום גאַנצן נגב. ווען זיי געווינען ניט די שלאַכט, וואָלט דער נגב ניט געקענט אַריינפאַלן אין אידישע הענט. יע, זיי פאַרדינען ספּעציעלע הילף וואָס מאָרגענטוי האָט זיי שוין לאַנג צוגעזאָגט. אָבער ווען? — ווען וועט מען שוין הערן אַז די הבטחה וועט מקוים ווערן ? ...

מיט אַ טעקסי איבער די קיבוצים

איר פאָרט מיט דער טעקסי פון איין קיבוץ צו אַ צווייטן; דאָ אַ קיבוץ, דאָ אַ געוועזענער אַראַבישער דאָרף; די צעשאָסענע ליימענע הייזער זעט איר אויף שריט און טריט; מען דאַרף אייך נישט זאָגן אַז דאָרטן זיינען פאַרגעקומען שווערע שלאַכטן — איר זעט עס אי־בעראַל. דער נהג, טעקסי־מאַן, ווייזט אייך איבעראַל וואָס דאָ איז געווען און וואָס דאָרט איז געשען. דורכן טאָג זעט איר זיך אָן און הערט זיך אָן אַזוי פיל, אַז אייערע נאָטיצן, וואָס איר פּרובירט מאַכן וועגן אַלץ וואָס איר האָט געזען, ווערן אַזוי פאַרמישט אַז איר לייגט אין יאוש אַוועק אייער בלייפעדער. ס׳איז שווער אַלץ אויפצוכאַפּן, און נאָך שווערער—אַלץ צו פאַרצייכענען. איר ווייסט נאָר אַז איר האָט געזען מיט אייערע אויגן סימנים פון גרויס העלדישקייט. עס באַהערשט אייך אַ צופרידנקייט וואָס איר האָט זוכה געווען דאָס צו זען, אשרי עין ראתה כל אלה.

אין באר שבע

ווען איר זענט געגאַנגען אין חדר און האָט געלערנט חומש, האָט איר, פאַרבייגייענדיק, געלערנט וועגן אברהמען מיט אַבימלכן; ווי אברהם האָט אויף אַבימלכן וועגן דער אומדעמאַקראַטישער האַנדלונג פון זיינע רעגירונגס־מענטשן וואָס האָבן אַוועקגעגזלט אַברהמס ברונעם. דער ענין ווערט אויסגעגליכן, און אַלס צייכן פון זייער שלום ווערט דער פלאַץ ביי אברהמען אַנגערופן באר שבע. פאַר צוויי טויזנט יאָר האָבן די אַראַבער ניט געלאָזן אַ אידישן פוס אַריינטרעטן אין באר שבע. און איצט זענט איר דאָרטן. איר זעט די ברונעמער, זיי זיינען נאָך דאָ; און ווען אַ יונג ווייבל פון אַ ישראלי סאָלדאַט האָט דאָרט דאָ ניט לאַנג געבוירן אַ אינגל וועלכן מען האָט דאָרטן מל געווען, האָט בן־גוריון געשיקט טאַטע־מאַמע אַ מתנה פון 100 פונט, ווייל מיר ווייסן ניט פון קיין אַנדער אידישן ברית מילה אין באר שבע זייט אברהמס צייטן.

נצרת אונטער אידישער פּאָליציי

אַריינצוקומען קיין נצרת, מוז מען האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער רעגירונג. 2000 יאָר אַז קיין איד איז ניט געווען דאָרטן. איז דאָרטן פאַראַן אַ געוויסע הייל, איבער וועלכער עס שטייט אַ קלויסטער וואו דער מלאך גבריאל איז געקומען צו מרימען, און האָט איר אַנגעזאָגט, אַז זי וועט האָבן אַ זון... דאָרטן פאַנגט זיך אָן די „געשיכטע" פון יעזוס קריסטוס. מען ווייזט אייך וואו זיי האָבן געוואוינט, וואו זיי האָבן געהאַט זייער סטאָלעריי, וואו מען האָט געהאַלטן דאָס עסן, א. אַז. וו. איך ווייס ניט ווי גרויס דער יחוס איז פאַר אונז, אַז מיר האָבן זיין... היסטאָרישן פּלאַץ אויך אין מדינת ישראל, אָבער עס געהערט צו ישראל, און אידישע פּאָליציי היט אָפּ זייער הייליקן נצרת.

ניט ווייט פון דאָרטן איז דאָ כפר נחום, וואו אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן אַ סך שטיינער און עמודים פון אַ שול. זיי האָבן גענוג אויסגראָבן אויף צוריקצושטעלן אַ גרויסע וואַנט פון דער געוועזענער שול, איר זעט דאָרטן אויף די אַלטע שטיינער אויסקריצונגען אין כתב אשורי די נעמען פון די מנדבים, אָבער... גלייך דערביי האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ מאָנאַסטיר. זיי זאָגן אַז דאָרט פלעגט זייער גאָט קומען תפילה טאָן. און דערפאַר האָבן זיי מיט דעם אָרט אַ גרויסן שייכות.

דגניה־פילאָזאָפיע

די דגניהס מוזט איר זען. פון די עלטסטע און שענסטע קיבוצים. ביי דגניה א' זעט איר אַ צעקאַליעטשעטן טאַנק, ביים אַריינגאַנג צום קיבוץ. ווען די אַטאַקע אויף דעם קיבוץ האָט געבושעוועט, און עס איז שוין געווען זיכער אַז דגניה איז פאַרלאָרן און די טאַנקען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַריינצומאַרשירן אינעווייניק אין קיבוץ, האָט עפּעס פּאַסירט וואָס ס'האָט אָפּגעשטעלט דעם ערשטן טאַנק; און זעענדיק אין דעם עפּעס אומדערוואַרטעטעס זיינען די שונאים אַנטלאָפן. דער טאַנק שטייט דאָרטן למזכרת. איר גייט אַריין און פאַרברענגט מיט די חברים. איר גיט זיי אָפּ דעם גרויסן יישר כח. איר ווערט מיט זיי היימיש און איר זאָגט אַ יונגער שיינער מיידל, וועלכע אַרבעט אין דעם קיבוץ־לאַנדרי מיט חשק, אַז איר זענט נתפעל מיט וואָס פאַר אַ שטימונג די אַרבעט גייט אָן פון אַלע חברים און חברות. עס ווילט זיך אייך פּי־

לאזאפירן וועגן קיבוץ־לעבן: „יש לי הכל — ואין לי כלום" — ס׳הייסט, ווען דו ביסט אין קיבוץ פעלט דיר גאָר ניט, אָבער ווען דו גייסט אַוועק האָסטו דאָך גאָרניט. און די יונגע מיידל ענטפערט אייך גלייך מיט רוגזה: יש לי הכל ויש לי הכל; איך האָב און האָב אַלץ, זי האָט אַ היינט און אַ מאָרגן.

די חמי טבריה

ס׳איז כדאַי געווען צו באַזוכן טבריה מפני כמה טעמים. ראשית, איז דאָך דער תלמוד ירושלמי פאַרפאַסט געוואָרן דאָרטן. אויך איז דער תלמוד בבלי אין טבריה פאַרענדיקט געוואָרן. די חמי טבריה, די הייסע קוואַלן זיינען אַ קוריר־אָרט פאַר פאַרשיידענע חולאים. פלענער זיינען שוין פאַרטיק צו בויען עלעקטרישע „אינקליינערס" וועלכע וועלן מאַכן באַקוועם פאַר געסט און פאַר חולאים וואָס וועלן זיך וועלן באַ־נוצן מיט די בעדער, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן קריכן צו פוס אויף די בערג צו זייערע האָטעלס. אויך נייע האָטעלס וועלן דאָרטן קירצלעך געבויט ווערן, וועלכע וועלן זיין אויסגעריכטעט מיט וואַסער־ליטונג דירעקט פון די קוואַלן אין די האָטעל באַד־צימערן. דאָס פיקאַנטסטע וואָס איז געווען צו זען איז ווי קברים פון רבי מאיר בה״נ, רמב״ם, ר׳ יוחנן בן זכאי, און רבי עקיבא זיינען קוואַלן פון פרנסה פאַר אַ סך אָרימע לייט.

זאָל עס צו קיין גנאַי ניט זיין די אפיטרופסים וואָס נוצן אויס די קברים פאַר שנאָרעריי. דאָ האַלט איינער אָפן פאַר אייך אַן אָרון־קודש, און ווייזט אייך די אַלטע ספרי תורה און קנאַקט די ספּעציעלע מי שברכס וואָס זיינען ספּעציעל פאַרפאַסט געוואָרן פאַר די גלות־באַזוכער, אַן אַנדערער רעקאָמענדירט ליכט־צינדן און ער האָט אויך פאַר דעם אַ פאַרטיקע תפילה. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די תפילות זיינען נישט פאַר אומזיסט. טאָמער איז אייער נדבה ניט גרויס גענוג, דינגט מען זיך מיט אייך. מען ווייזט אייך שוין די רבנים, וואָס זיינען אין לעבן פשוטע אידן. איינער האַלט אַ משניות און דער אַנדערער אַ גמרא. ווען איר גייט אַרויס פון דעם אוהל, וואו איר האָט שוין געצונדן ליכט און געזען די אַלטע ספרי תורה און שוין באַצאָלט פאַר די מי שברכס, באַגעגנט אייך אַן אַנדער איד וועלכער בעט אייך איר זאָלט אַריינגיין מיט אים, צו תפילה טאָן על קבר... „אָבער איך קום דאָך איצט פון דאָרטן, איך בין דאָך שוין געווען"... „דאָס זייט איר געווען ביי די ספרדים"... „טאָ פאַרוואָס האָט איר אונז פריער ניט געזאָגט?" דאָ טוט אייך שוין שטאַרק ווי פאַרוואָס מען לאָזט אייך ניט באַקומען דעם באַ־זוך און די תפילה אויף די קברים פון אונזערע קדושי עליון... אַ ביסל אָרדענונג מיט מער יראת הכבוד וואָלט דאָ גאָר ניט געשאַדט.

ל״ג בעומר אין מירון

קומט אַ פאָר טעג פאַר ל״ג בעומר פאַנגט זיך אָן טומלען אין גאַנץ ארץ ישראל. מען גרייט זיך איבעראַל צו פאָרן קיין מירון צו דער הילולא דר׳ שמעון בן יוחאי. ניט אַכטנדיק וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל זיך צוריקהאַלטן פון פאָרן קיין מירון, ווייל די וועגן זיינען שמאָל און עס איז אַ געפאָר אַז ביי די זייטן פון די וועגן זאָלן זיך ניט געפינען קיין לאַנד־מינען וועלכע זיינען נאָך ניט אין גאַנצן אויסגערייניקט, און אַז עס שמעקט דערפאַר מיט סכנת נפשות, אָבער ס׳האָט קיין סך ניט געהאָלפן. גאָר פיל האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון קומען. מען האָט געשאַצט אַז צוואַנציק טויזנט מענטשן זיינען פאָרט געקומען קיין מירון. איר האָט געזען גרויסע

טראָקס אָנגעלאָדן מיט מענטשן איינער אויפן אַנדערן. פון זיצן איז געוווען אָפּגעריסן. לאַנגע שטונדן האָבן זיי אַזוי געמוזט שטיין צעפּוימדיק, אויף וועגן וואָס זיינען ווייט פון זיין גוט און גלאַט געברוקירט. אויטאָס און אַלץ וואָס ס'האָט געהאָט אַ פּאָר רעדער האָט זיך געלאָזן אויף די וועגן וואָס פירן קיין מירון.

אויפן וועג שטעלט איר זיך אָפּ אין צפת, צו זען די אַלטע שול, די ישיבות און איר פּאַרט ווייטער. ס'איז נאָך אַזוי פרי, נאָך עטלעכע שעה צו נאַכט, און איר האָפט, אַז איר וועט זיך קענען אויסקלייבן אַ נאָענט און באַקוועם אָרט וואו איר וועט זיך קענען אָפּשטעלן, אָבער עס איז שוין פאַרפולט, די „טראַפיק פּאָליס" שטופּן אייך שוין צוריק, און איר מוזט זיך אויסדרייען אויף צוריק און נעמען דאָס שענסטע שטיקל אָרט וואָס איז נאָך ניט פאַרכאַפּט געוואָרן.

ענדלעך זעענט איר אַרויף אויפן באַרג. דער חצר, וואו דער אוהל געפינט זיך איז שוין פאַרפולט, פיל מענער, פרויען און אויך קינדער האָבן זיך געמאַכט באַקוועם, זיי האָבן געפונען אין דער זייט אַ שטיקל נאַרע, וואו זיי האָבן אויסגעשפּרייט אַ שטיקל קאָלדרע, צוגעגרייט אין אַ קערבל עסנוואַרג, אַ קריגל וואַסער, און אַזוי וועלן זיי פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט. זיי זיינען די באַקוועמסטע. די אַנדערע האָבן זיך ניט אַזוי גוט איינגעאָרדנט, אָבער ס'איז ניט קיין פראַגע פון קומען אָפּזאָגן אַ תפילה, אַנצינדן אַ נשמה־ליכט און גיין צוריק. טויזנטער שטייען דורך די גאַנצע נאַכט, זאָגן תפילות, רוען זיך אָפּ און קומען צוריק. די טענץ און דאָס ליכט־צינדן ביי די קברים פון ר' שמעון בן יוחאי און ביי זיין זון ר' אליעזר איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. דאָ שטייט אַ איד אַנגעשפּאַרט אויפן קבר מיט זיין גאַנצן גוף, די אויגן צוגעמאַכט, די ליפּן קוים וואָס זיי באַוועגן זיך, אָט, אָט ווי זיינע קליידער וועלן זיך אַנצינדן פון די ליכט — אַזוי נאָענט זיינען זיי צו אים, אָבער קיינער וואָגט ניט אים וואָרענען, דעם פאַרחלומטן אידן, ווייל איר זעט ממש אַז דער איד האָט עלית נשמה. און אָט איז ער אָוועקגעפאַלן אין אַ מין חלשות, און ווען מען העלפט אים זיך שטעלן אויף די פיס, רייסט ער זיך פון אייך אַרויס און מיט אויסערגעוויינלעכע כוחות הויבן זיך זיינע פיס, זיין גאַנצער קערפּער טאַנצט מיט אַזאַ עקסטאַז, אַז די אַנדערע דערביי ווערן פאַרכאַפּט פון זיין דערהויבנקייט און זיי אויך טאַנצן־מיט, ביז זיי ווערן דערשעפּט. די רעגירונג האָט לכבוד דער הילולא דר' שמעון בן יוחאי געדרוקט ספּעציעלע בולים, מאַרקעס, וועלכע מען האָט געקענט קויפן פאַר אַן אָנדענק.

פאַבריקן לויטן נוסח אַמעריקע

צוויי מאָל האָבן מיר געמוזט זיין אין חיפה, כאָטש אין די איינקע טעג וואָס מיר האָבן דאָרטן פאַרבראַכט דעם ערשטן מאָל האָבן מיר שוין „כמעט אַלץ" געזען. מען האָט אונז אַרומגעפירט אומעטום, צו איבערצייגן אונז אַז אידן אין ישראל זיינען ניט קיין פאַרשלאָפענע און ווייסן ווי צו פירן גרויסע און אַפילו ריזיקע געשעפטן. דער פאַבריק „שמן" האָט געקענט איינשטיין אַפילו אין אונזער גרויסער אַמעריקע. דאָרטן ווערן געמאַכט פאַרשיידענע מינים בוימל אויף אַ גאַר גרויסן מאַשטאַב, אַלערליי זייפן, טוטפּייסט, א. אַז. וו.. יעדער פּראָדוקט ווערט אייך אַזוי ליב און טייער, און די פרייליכקייט פון די אַרבעטער, זייער היימלעכקייט מאַכט אייך פילן אַז איר, דער רייכער פעטער פון אַמעריקע, זייט ניט מער ווי אַ גלות־איד, — איר מיט אייער גאַנצן הכל־בכל זייט אַ גר בארץ

נכריה און איר האָט ניט דעם מינדסטן באַגריף וואָס עס מיינט לעבן אין ארץ ישראל.

„נשר" — אַ צעמענט-פאַבריק. דער צעמענט-פּראָדוקט איז זייער וויכטיק איבעראַל ובפרט אין „ישראל", וואו די וואוינונגען זיינען אַזוי אומבאַדייטנדיק אין דער פּראָפּאָרציע צו דער צאָל עולים וואָס קומען אָן טאָג איין טאָג אויס — אָן קוואָטעס... מען האָט אונז געוויזן פון וואַנען מען נעמט די שטיינער. די ערד איז דאָ זייער רייך אין צעמענט-מאַטעריאַל. און ווי אַט-דער זעלבער באָדן מאַכט וואַקסן פרוכטן און גרינסן, זעט איר און הערט, און איר פאַרשטייט ניט, ווייל איר זייט אַ גלות-איד...

„מפרץ" בויט שיפן, כאָטש ניט אַזעלכע גרויסע פון אַ קווין-עליזאַבעט מאַשטאַב. אָבער עס האַלט נאָך דאָ ניט ביי לוקסוס. דאָס לאַנד נויטיקט זיך איצט אין שיפן פאַר האַנדל. און דאָס ווערט דערווייל דאָ געבויט. אין מאַנכע פון די פאַבריקן, בשעת איר ווילט זיך דורכריידן מיטן אייגנטימער, דערשיינט פאַר אייך אַ איד וואָס איז אַזוי פּראָלעטאַריש-אויסגעשמירט ווי די איבעריקע אַרבעטער, און ער קומט ניט צו אייך פון אַ שיין אויסגעשטאָטן אָפּיס, נאָר, ווי איינער פון דער אַרבעטער-ריי. ער איז גרייט אייך צו ענטפערן אויף אייערע פראַגן, אָבער ניט מעשה באַלעבאָס. מערסטנס איז דאָ אַלץ קאָאָפּעראַטיוו, נוסח הסתדרות... און עס אַרבעט גאַנץ גוט, זייער גוט.

אין די אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס

איבעראַל אין ישראל, וואו איר שטייט און גייט, אין וועלכן טייל פון לאַנד איר זאָלט זיך ניט געפינען, זיינען גרייט „צו אייער באַדינונג" פאַרשיידענע „מוסדות", אינסטיטוציעס, וואָס זאָרגן פאַר דעם וואוילזיין פון דעם ישוב און פאַר דער צוקונפט פון פאָלק און פון לאַנד. אַזוי געפינט איר „בתי חלוצות", פאַר יונגע היימלאָזע פרויען, ווי די וועלכע מיר האָבן באַזוכט אין חיפה. זיי זיינען פיין איינגעאָרדנט. מיר זעען אַ היים, וואו מען שלאָפט, מען עסט און מען פאַרדינט אויך אַ ביסל פאַר די אַנדערע מענטשלעכע הצטרכותן, ביז מען האָט חתונה, מען אָרדנט זיך איין אויף אַ מער-וויניקער זעלבשטענדיקן אופן, און חנעוודיקער שמייכל רוט אויף זייערע פּנימער, אַלס צייכן פון זיכערקייט און צופרידנקייט.

פיל קינדער-אַנשטאַלטן געפינען זיך דאָ אין לאַנד, און יעדער איינער מאַכט אויף אייך אַ גוטן איינדרוק, יעדער מוסד לאָזט עפּעס איבער ביי אייך אין זכרון וואָס איז אייך שווער צו פאַרגעסן. דעם מוסד „אהבה" איז מיר שווער צו פאַרגעסן. אַ פאַר הונדערט קינדער, מיידלעך און אינגלעך, האָדעווען זיך דאָרטן. ווען מיר זיינען גע-קומען זען די אַרבעט וואָס עס ווערט דאָרט געטאָן, זיינען די אויפ-זעער פון אַנשטאַלט געווען שטאַרק פאַרנומען, אָבער דאָס האָט ניט געמיינט אַז מיר זאָלן אַוועקגיין און ניט זען דעם מוסד. צווישן די קליינוואַרג וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דעם גרינעם גראָז ביים טויער פון מוסד, האָט מען געבעטן אַ אינגל פון אַ יאָר צען צי ער האָט חשק אונז וויזן וואָס עס גייט דאָרט אָן אין זייער „אהבה". צום אָנהויב האָט עס פאַר אונז געמיינט עפּעס אַ פּחיתת הכבוד: שיקן אַזאַ קליין אינגל אַז ער זאָל אונז אַלץ וויזן... אָבער ווי דער-שטוינט מיר זיינען געוואָרן, ווען מיר האָבן געהערט מיט וואָס פאַר אַ פּינקטלעכקייט און קלאָרקייט אַ צען יעריק אינגל קען אייך געבן אַלץ צו פאַרשטיין און אייך אַפילו אָנגעבן די גענויע צאָל הינער,

בהמות און אַנדערע בעלי־חיים — וואָס ס'איז דאָס אייגנטום פונם מוסד. אינטעלעקטועל איז דער צען־יעריקער נפש אַ דערוואַקסענער מענטש וואָס האָט שוין אַ סך, אַ סך דורכגעמאַכט...

ווען מען זאָגט אייך, אַז קינדער האָבן קעציִשע מוחות, זיי פאַרגעסן שנעל — זאָלט איר ניט גלויבן. אַלנפאַלס האָלט דער כלל ניט אויס מיט אונזער קליינוואַרג, אויף וועמענס הענטלעך איר זעט די נומערן, אין פורפור־טינט, פון אוישוויץ און די אַנדערע עקידה־פלעצער. אַט קומען זיי אַריין, די קינדערלעך, און זיי זעצן זיך אַוועק אין עס־צימער, זיי כאַפּן זיך צו צום ברויט מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ אַפּעטיט... זיי געדענקען נאָך אוישוויץ... ס'ליגט אויפן טיש ווייס ברויט און שוואַרץ ברויט, אָבער צום ווייס ברויט רירט מען זיך ניט צו. איינער פון די באַזוכער פרעגט זיי: — פאַרוואָס עסט איר ניט די חלה? — „וואָס־זשע, ס'איז היינט אַ חתונה? — ענטפערט אייך גלייך אַ אינגעלע — און זעצט פאַר זיין נקמה אין דעם ראַזעווען ברויט. טויזנטער אַזעלכע קינדערלעך זעט איר אין די פאַרשיידענע מוסדות, וואו זייערע קערפּערלעך אַזוי ווי זייערע נשמהלעך ווערן געשטאַרקט און צוגעגרייט פאַרן צוקונפטיקן לעבן וואָס וועט אפשר זיין אַנדערש, אפשר בעסער, פון דעם וואָס זיי און זייערע עלטערן האָבן דורכגעמאַכט אין די פינצטערע אַנטיסעמיטישע לענדער.

אין אַלע מוסדות פאַר קינדער וואָס געפינען זיך אין ישראל, הן פון די וואָס די רעגירונג האַלט אויס און הן פון די וואָס ווערן געשטיצט פון באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס ווערט געלערנט תורה און מלאכה. מיט קינדער פון 14 יאָר אָן לערנט מען אַ מלאכה צוזאַמען מיט זייערע אַלגעמיינע לימודים. ס'איז אינטערעסאַנט צו זען ווי יונגע קינדער ציכענען זיך אויס אין שלאָסעריי, שוסטעריי, וועבעריי און סטאָלערײַ. איר ווייסט, אַז אויב די קינדער וועלן זיך נישט וועלן אָפּגעבן מיט פעלד־אַרבעט, וועלן זיי קענען האָבן פּרנסה פון אַן אַנדער מלאכה.

אַז איר קומט אַריין אין טכניון, זעט איר פאַר זיך אַ ריזיקן אינסטיטוט פאַר אַלע געביטן פון טעכנאָלאָגיע. דאָ ווערן אַריינגענומען שילער וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די טעכנישע צוגרייטונג־שולן און זעצן פאַר זייער שטודיום. איר געפינט דאָרטן כלערליי „ריסוירטש" דעפּאַרטמענטס.

אייער האַרץ גיט אין אייך פריידיק אַ צאַפּל, ווען מען וויזט אייך אידישע קאַדעטן, צוקונפטיקע שיפס־קאַפּיטאַנען, וואָס וועלן פירן די אידישע פלאָטע אויף אַלע וועלט ימים. דער דירעקטאָר פון טעכנישן אינסטיטוט באַרימט זיך פאַר אונז מיט דעם, וואָס קיינער פון די גראַדואירטע פון טעכניקום גייט ניט אַרום אָן שטעלעס. „מען צעכאַפּט זיי", זאָגט ער, „אַזוי שנעל ווי זיי ווערן נאָר דיפּלאָמירט".

די מלחמה אין חיפה

זייער אינטערעסאַנט איז דער קאַפּיטל מלחמה אין חיפה. די אַראַבער זיינען דעמאָלט געווען שטאַרק באַפעסטיקט, און די אידן האָבן לחלוטין ניט געהאַט קיין געווער. האָבן זיי, ווי עס איז, פאַבריצירט דינאַמיט אויפן הר הכרמל. אָבער מיט וואָס קען מען עס באַנוצן קעגן שונא? — און דאָ, אין גרויס פאַרצווייפלונג, האָט דורכגעבליצט אַ גאוניִשער איינפאַל: מען זאָל צוזאַמענעמען אַזוי פיל פעסער ווי מעגלעך, זיי אָנפילן מיט דינאַמיט און לאָזן די פעסער

זיך אַרונטערקייקלען אונטן. ס'האָט געווירקט. די אויפגעריסענע „עקספּלאָזיווס" האָבן אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן אין די אַראַבער־ליניעס און האָט פיל געהאָלפן צו פאַרטרייבן די אַראַבער פון זייערע פּאָזיציעס. און אַזוי האָבן די אידן איינגענומען חיפה.

ס'דערמאָנט אייך אין אַ ביבלישער דערציילונג וועגן דעם הר־הכרמל, ווען אלי' הנביא האָט געהייסן די נביאי הבעל, וואָס האָבן פאַרטראָטן געצנדינעריי, אַז זיי זאָלן שרייען צו זייער גאָט, אַז ער זאָל אַראָפּלאָזן פון הימל פייער פאַר זייערע קרבנות, אָבער די געשרייען און די תפילות פון די נביאי־הבעל האָבן ניט געהאָלפן. אַלי' הנביא האָט אָבער באַוויזן, אַז זיינע תפילות האָבן געבראַכט פייער ניט נאָר פאַר די אידישע קרבנות נאָר אויך פאַרניכטונג צו די נביאי־הבעל. און דאָ שטייט איר ביים היסטאָרישן הר הכרמל, און שטוינט צו הערן ווי דאָס אידישע פייער האָט ווייטער פאַרניכטעט די נביאי־הבעל, די אידישע שונאים.

אַ דאַנק מר. הערי ביילין, וועלכער האָט אונז באַוויליקט זיינע געהילפן פאַר אונזער צוויטן באַזוך אין חיפה, האָבן מיר געהאָט די מעגלעכקייט צו זען דעם נמל, דעם הויפּט־פּאָרט פון ישראל. קודם, דער האַפן אַליין וואָס איז פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער וויכטיקייט. און אָט זעט איר אַ שיף, אַ פאַרוואונדעטע, געאַנקערט אַ ביסל אָן אַ זייט פונם האַפן, און שר־שלום (דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר אין חיפהער האַפן) זאָגט אייך „איר זעט די שיף? דאָס איז די עקזאָדוס. אונזערע אידן וואָלטן געמעגט נעמען די עקסאָדוס לדוגמא, אַ זכר לדורות. ווי ענגלאַנד האָט זיך באַנומען מיט אונז אידן. די עקסאָדוס מוז בלייבן אין אידישער היסטאָריע אַלס אַ מאָנומענט פון אידישן קאַמף פאַר אידיש רעכט און גלייכהייט צווישן פעלקער.

דער האַפן איז פול מיט שיפן פון אַלערליי גרויסן און פון אַלערליי לענדער. פראַכט־שיפן וואָס ברענגען און וואָס פירן אָפּ סחורות, און רעגירונגס־שיפן וואָס זיינען אויסגעשטאַטעט מיט קאַנאָנען. קליינע און גרויסע שיפן. אַלע מוזן אַרויפציען די אידישע פאָן, ווען זיי זיינען אין חיפהער האַפן. ווי איראָניש עס איז, אַז אויך די בריטישע בעווין־שיפן, וואָס זיינען געאַנקערט אין חיפהער האַפן, האָבן אויך די אידישע פאָן, און — אַזוי פראָמינענט. יעדעס מאָל ווען די אידישע פאָן וויגט זיך אויף אָן ענגלישער שיף, פילט איר, אַז איר וויגט זיך מיט, ווי אין דאַווענען ביי שמונה עשרה. עפּעס אַ תפילה באַוועגט זיך פון אייערע ליפּן, אַ שבח צום בורא עולם.

עס טומלט זיך, עס שוויבלט און עס גריבלט אין חיפהער האַפן. די אַלע אַרבעטער — אידן. די טומלעריי פון דער הויך פון די שיפן און פון די קולות וואָס קומען פון אונטן אַרויף, העברעאיש. אָבער אונזער הויפּט־אויפגאַבע צוליב וואָס מיר זיינען געקומען נאָך אַמאָל קיין חיפה, איז — אַ שיף מיט פינף און צוואַנציק הונדערט אידישע עולים. עס ווילט זיך אַ קוק טאָן אויף די אידן וואָס זיינען געווען אין גהינום און זיינען ניצול געוואָרן. עס ווילט זיך דריקן די האַנט די מענטשן וואָס זיינען אָפּגעלעגן יאָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיינען לעבעדיקע פון די קברים אַרויס. עס ווילט זיך מיט זיי ריידן כאָטש אַ פּאָר מינוט. זיי גייען אַרונטער פון שיף מיט לאַנגזאַמע אָבער זיכערע טריט. זיי פילן, אַז זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט זייער היים. זיי קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן, און ענטפערן זייער פאַרזיכטיק אויף פראַגן. ווען מיר האָבן זיך געוואָלט אַריינלאָזן אין אַ געשפּרעך מיט זיי, האָבן זיי זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון צו ענטפערן: לגבי מאי איז עס אונזערע געשעפטן? אָבער פאַרזיכערנדיק זיי, אַז מיר זיינען אַמעריקאַנער באַזוכער, און מיינען ניט חלילה

קיין בייז, האָבן זיי געענטפערט צו ביסלעך. עס האָט אונז אַוודאי אינטערעסירט צי זיי קענען עפּעס אַ מלאכה, און דער ענטפער איז געווען, אין מערסטע פאַלן, אַז זיי זיינען סוחרים. ווען איר ווילט וויסן: „סוחרים פון וואָס, מיט וואָס?“, קוקן זיי אייך אָן: „וואָס הייסט מיט וואָס? — סוחרים, וואָס האַנדלען מיט אַלעס“... זיי זיינען געווען זיכער אַז עס וועט זיי ניט שווער אָנקומען זיך אַריינלאָזן אין מסחר אין דער אידישער מלוכה. „מען וועט שוין האַנדלען. מען וועט שוין האָבן פּרנסה. מיר דאַרפן נאָר אַ שטוב“...

מיר האָבן פאַרבראַכט מיט זיי בערך זעקס־זיבן שעה, פון זייער אַרונטערשטייגן פונם שיף, ביז זייער אָנקומען מיט די באַגאַזשן אין דעם אויפנאַם־צענטער. ווען איר זעט די דיזענפעקטירונג ניט נאָר פון דעם באַגאַזש, נאָר אויך ווי די עולים גייען עס דורך אין די ספּעציעלע בודקעס, קענט איר זיך ניט העלפן ווי צו אַראָפּלאָזן אייער קאָפּ אין שאַנדע... אַמאָל, אַמאָל זיינען די עולים אויך מענטשן געווען. ראַליעס — געשפּילט, וויכטיקע פּאָזיציעס געהאַט הן אין זייערע געשעפטן און הן אין סאָציאַלן לעבן. און היינט?? זיך קוים דערשלעפּט, קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

זייער גרינטלעך איז און מוז זיין זייער מעדיצינישע אונטערזוכונג. פילע מוזן פון די צענטערס אויסגעשלאָסן ווערן, ווייל זיי האָבן שווינדזוכט, און מוזן קריגן ספּעציעלע באַהאַנדלונג. אַפילו די געזונטע זיינען ניט דערלויבט גלייך צו גיין אַרבעטן. זיי דאַרפן זיך פריער גוט אויסרוען.

מיטן אידישן פּרעמיער־מיניסטער

מיר האָבן געהאַט דאָס גרויס פאַרגעניגן אויפגענומען צו ווערן פון ישראלס פּרעמיער־מיניסטער, דוד בן־גוריון. אַ מאָדנעם און באַצויבערנדיקן איינדרוק מאַכט אויף אייך דער איד מיטן גרויסן גרויען קאָפּ. ער זעט אַ פינף מיליאָן אידישע באַפעלקערונג אין מדינת ישראל אין די נאָענטע פאַר יאָר. ווען איר רעדט וועגן די שוועריקייטן, מיט

פּרעמיער דוד בן גוריון און רבי בירשטיין

וועלכע ס'איז פאַרבונדן די איינאָרדענונג פון די אַלע עולים, זאָגט ער איך, אַז עס וועט לאַנג ניט נעמען און די עולים וועלן זיך אַריינפּאַסן אין די פאַרשיידענע היגע ישובים. די אַלע קלאָג־לידער וואָס איר הערט פון אנדערע אידישע פירער וועגן דער אידישער אימיגראַציע, איז גאָר ביי אונזער פּרעמיער־מיניסטער גאָר קיין קלאָג ניט. קיין פּראָבלעם. ער זעט אַ שטאַרקע ארץ־ישראל דווקא אין אַ גרויסער אי־מיגראַציע. זאָלן נאָר אַלע אַמעריקאַנער אידן קומען אַהער, זאָגט ער איך אין גרויס ערנסט, איר הערט אים, און איר ווערט איבערצייגט. „אויב מיר ווילן האָבן אַ אידישע מדינה, מוזן מיר זיין אַ טייל פון איר ניט נאָר מיט די פּאָר דאָלאַר צדקה, נאָר אויך מיט אונזער באַזעצן זיך אויף דעם באָדן"... ער וויל ניט קיין צדקה. ער דאַרף ניט די פּעקלעך עסן. ער וויל זען אַן עליה פון אַלע אידן, און אויך פון אידן מיט געלט וועלכע זאָלן קומען אַהער.

אונטערנעמונגען זיינען דאָ פיל. די געלט, דער קרן הייסט עס, וועט זיין געזיכערט. פּראָפיטן וועלן אויך זיין. נאָר גיי שריי חי־וקים, אַז אונזערע אַמעריקאַנער רייכע אידן אינוועסטירן נאָר דאָרטן וואו זיי מיינען, אַז זיי האָבן שאַנסן פּאָר גרויסע פּראָפיטן, מעג עס זיין ווער־ווייס־וואו. אָבער אידעאַליסטישע אינוועסטירונג, און איבערהויפּט נאָך אַז מען דאַרף אַליין זיין אויפן פּלאַץ און נאָך אַרבעטן אויך — אויף דעם פּעלן בעלנים. בן גוריון ווייסט אָט־די־דאָזיקע שוואַכקייט אונ־זערע, אָבער דאָס שוואַכט ניט אָפּ זיין ענערגישן קאַמף פּאַר אַ גרויסער און שטאַרקער מדינת ישראל.

בית ביאַליק

אַ טיפן איינדרוק האָט אויף אונז געמאַכט בית ביאַליק. ביאַליקס הויז איז ניט סתם אַ פּלאַץ וואו דער גרויסער דיכטער האָט געוואוינט. עס איז אַ בית־ועד לסופרים, איר געפינט דאָרטן באַרימטע שרייבער צו יעדער צייט. אַ ריזיקע ביבליאָטעק, פיל זעלטענע כתב־ידן. אַ מו־זעאום פון ביאַליקס ערשטע שירים אינם אָריגינאַל. אַ סך מתנות וואָס ער האָט באַקומען. אַלץ ווערט אָפּגעהיט מיט גרויס יראת הכבוד.

אַרויסגייענדיק, זיינען אונזערע באַגלייטער געבליבן שטיין פאַרן הויז, אין גאָרטן, זיי זיינען צוגעגאַנגען צו אייניקע קוסטעס בלומען, זיי באַטראַכט, אַרומגעקוקט דאָ און דאָרט, ווי זיי וואָלטן אימיצן גע־זוכט. „איינגעווייקט צו טאַפּן און באַטראַכטן די בלומען מיט אים... עס דוכט זיך, אַז ער, אונזער ליבער ביאַליק, איז אין ערגעץ דאָ אין גאָרטן, און קוועלט אַן פון די שיינע שמעקענדיקע בלומען".

ניי ירושלים

„וואָס וועט איר עולה־זיין קיין ירושלים אַז צו דער אַלטער היס־טאָרישער זייט קענט איר דאָך ניט צוקומען" — אַזוי איז, געוויינלעך, דער אָפּרייד־נוסח פון פילע, פילע מענטשן, הן פון די ארץ ישראלדיקע און הן פון די טוריסטן. דער אמת איז, אַז נאָר צו שטיין אויף ירושלים־דיקן באָדן, אויף וועלכן טייל עס זאָל ניט זיין, איז גענוג עס זאָל ביי אייך אַרויסרופן אַ רגש־קודש, אַ הייליקן געפיל; אָבער כאָטש די אַלטע שטאָט איז ביי די אַראַבער, און איר קענט דאָרט ניט צוקומען, צו זען דעם כותל המערבי און אַלע אַנדערע הייליקע פּלעצער, קענט איר, פונ־דעסטוועגן, זען אַ סך פון דערוויטנס, ווי צ. ב. דעם הר המוריה, דעם אוניווערזיטעט, דעם הדסה שפּיטאָל, א. אַז. וו.

מאה שערים איז אין ניי־ירושלים. וויפל דרך־ארץ און ליבע איר

זאָלט ניט האָבן פאַר תורה און יראת שמים, פילט איר זיך שטאַרק גע־קרענקט פון דער קעגנערישער שטעלונג פון די מאה־שערימניקעס צו דער מדינת ישראל, צו דער רעגירונג ווי אויך צו דער העברעאישער שפּראַך. איר פאַרלירט דעם ביטערן טעם פון זייער קעגנערשאַפט ווען איר קומט אַריין אין דעם קרן קימת געביידע. דאָרטן געפינט איר די ספרי הזהב, וואו עס זיינען רעגיסטרירט טויזנטער אידישע נעמען וואָס וועלן שטענדיק בלייבן לזכרון, ווייל מיט זייערע באַשטייערונגען האָט מען אַזוי פיל בוימער געפלאַנצט און אַזוי פיל ערד־שטח געקויפט אין ארץ ישראל.

דער הערצל צימער וואָס געפינט זיך אין דער קרן־קימת געביידע, אַנטהאַלט אַזוי פיל איינדרוקספולע בילדער און וויכטיקע דאָקומענטן וועגן דר. הערצל פּערזענלעך און וועגן זיינע היסטאָרישע טעטיקייטן אַז איר שטימט איין מיטן דירעקטאָר פון קרן־קימת, אַז אין אָט־דעם צימער וואוינט דר. הערצלס גייסט אויף אַזוי פיל, אַז ווער עס זאָל דאָרט ניט אַריינקומען פילט אַז דער גרויסער ציון־נביא און קעמפער איז דאָרטן דאָ און דירעקטירט אַליין די קאַמפן פאַר ארץ ישראל.

שיין און וואונדערבאַר זיינען די אַלע קיבוצים און אַנשטאַלטן אין און אַרום ירושלים. איבעראַל, וואו איר שטייט און גייט, זעט איר אַ בליענדעס לאַנד. אויך די תורה אַנשטאַלטן מערן זיך אין צאַל, און וועלן געוויס אויסאיבן זייער איינפלוס אויף דעם לאַנד. לאָמיר נאָר האָפן, אַז די קנאישקייט וואָס עקזיסטירט צווישן אַ סך פון אונזערע עקסטרעמע רעליגיעזע פירער וועלן ניט פאַראורזאַכן אַזעלכע רייבונ־גען וועלכע קענען חס ושלום צעשטערן אונזער מדינת ישראל. איינגע־האַלטנקייט און שיינע מידות, אַנשטענדיקע באַנעמונג, זיינען זייער וויכטיק. דרך ארץ קדמה לתורה.

מיר האָבן באַזוכט פילע קיבוצים, ישובים און אַלץ וואָס ס׳איז כדאַי געווען צו זען אין ארץ ישראל. פון אַלץ זיינען מיר זייער שטאַלץ. און טאָמער האָבן מיר ווען פּרובירט קריטיקירן אַ געוויסע פירונג פון דער יונגער מדינה, האָט אונז אַ יונגערמאַן, אַ געבוירענער אין ארץ ישראל, אין אַן אַרמיי־יוניפאָרם, געענטפערט:

— ווען איך זאָל קומען אין אייער גרויסער און רייכער אַמעריקע, וואָלט איך מסתמא, אויך געפונען גענוג וואָס צו קריטיקירן...